# עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער
# (EBT)

## קארטל אייגענטימער אקאונט

## איבערבליק וועג-ווייזער

סטעיט אוו ניו יארק

ניו יארק סטעיט אפיס פון ציטווייליגע און
דיסעביליטי היילף
דעיוויד עי. הענסעל, קאמישאנער

www.otda.state.ny.us

Pub-4914-YI (Rev.4/08)

YIDDISH

# <u>עלעקטראנישע בענעפיטן טראנספער (EBT) קארטל אייגענטימער אקאונט איבערבליק וועגווייזער</u>

קליענטן מיט EBT Food Stamp (EBT פוד סטעמפס) און/אדער Cash Accounts (קעש אקאונטס) קענען יעצט האבן צוטריט צו זייער אקאונט אינפארמאציע דורך די אינטערנעט אין ענגליש אדער אין שפאניש. די <u>זיכערע</u> וועבסייט איז: **www.ebtaccount.jpmorgan.com**

די פונקציעס צו וועלכע מען קען האבן צוטריט דורכ'ן וועבסייט אנטהאלטן, אבער זענען נישט באגרעניצט צו די פאלגענדע:

- Account Balance (אקאונט באלאנס)
- Account Activity (אקאונט אקטיוויטעט)
- PIN Changes (פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער ענדערונגען)
- NYC Message Center (NYC מעסעדזש סענטער)
- Customer Service Message Center (קאסטומער סערוויס מעסעדזש סענטער)
- Chase ATM Locator Service (טשעיס עי.טי.עם. לאקעיטאר סערוויס)

פאלגענד זענען אנווייזונגען ווי אזוי אריינצוגיין, זיך רעגיסטרירן, און ארומגיין אין די וועבסייט. קארטל אייגנטומער מוזן זיך רעגיסטרירן דאס **ערשטע** מאל וואס זיי גייען אריין אין די וועבסייט.

## <u>EBT אקאונט גיי אריין סקרין</u>




צוגעבלעך, כדי צו פארווערן אומדערלויבטן צוטריט דורכ'ן וועבסייט, אלע קארטל אייגענטימערס וועלן מוזן רעגיסטרירן צוגעבלעכע זיכערהייטס אינפארמאציע. כדי צו באהעלפן באשטעטיקן זייער אידענטיטעט, קארטל אייגענטימערס וועלן ווערן געבעטן אויסצוטראכטן דריי זיכערהייטס פראגן און ענטפערן בעתן אריינגאנג פראצעס. אבי-ווען א קארטל אייגענטימער טריט צו פון א פארשיידענעם קאמפיוטער, מען וועט ווערן געבעטן ענטפערן איינע פון די זיכערהייטס פראגן.

אויב נאך דריי אומערפאלגרייכע פרואוון אריינצוגיין ווערט די פראגע ניט ריכטיק געענטפערט, וועט דער קארטל אייגענטימער נישט קענען אריינגיין אין זיין אקאונט (ווערט אויסגעשפארט,) און מוז רופן EBT קאסטומער סערוויס פאר הילף. קאסטומער סערוויס וועט פארזארגן דעם קארטל אייגענטימער א לאק רעסעט פעסס-קאד כדי צו קענען צוריק אריינגיין אין וועבסייט, און דער קארטל אייגענטימער ווערט געבעטן איינצוגעבן דעם פעסס-קאד ביים אריינגאנג.

## <u>טערמינען און באדינגונגען סקרין</u>

איידער א קארטל אייגענטימער קען זיך רעגיסטרירן, נאכן דריקן אויף די רעגיסטראציע לינק, וועט מען ווערן געפירט צו אן "EBT Account Terms and Conditions" (EBT אקאונט טערמינען און באדינגונגען) זייטל און מען <u>מוז</u> דריקן **Accept** אויב מען וויל פארזעצן די רעגיסטראציע פראצעדור.




נאכן אקצעפטירן די וועבסייטס טערמינען און באדינגונגען וועט דער קארטל אייגנטומער ווערן ערלויבט ווייטער צו גיין מיט די רעגיסטראציע פראצעדור.

## רעגיסטראציע סקרין

כדי אריינצוגיין אינעם וועבסייט דאס ערשטע מאל, מוז די קארטל אייגנטומער זיך רעגיסטרירן דורכ'ן אריינדרוקן זייער קארטל נומער און זייער PIN.




נאכדעם, וועט די קארטל אייגנומער ווערן געבעטן אויסצוקלויבן א מעטאד זיך איינצושרייבן. די רעגיסטראציע פראצעדור פארלאנגט פונעם קארטל אייגנטומער אויסצוקלויבן **איינע** פון די צוויי מעטאדן זיך איינצושרייבן:

- דורכ'ן ניצן די קארטל נומער און PIN[פארזענליכע אינדענטיפיקאציע נומער), אדער
- דורכ'ן אויסקלויבן א באזונדערע USER ID (באנוצער אינדענטיפיקאציע) און Password (פעסס-ווארט)




(ביישפיל פון אויסקלויבן זיך איינצושרייבן מיט באנוצער ID און פעסס-ווארט.)

***דער קארטל אייגנטימער מוזן שטענדיג נוצן די איינשרייבן מעטאד וועלכע מען האט אויסגעקליבן ביי די רעגיסטראציע פראצעדור יעדעס מאל וואס מען גייט אריין אין די וועבסייט.***

## <u>וועבסייט טרעפער</u>

אונטער די “Accounts” (אקאונטס) אפטיילונג, וועט די Account Summary (אקאונט קיצור) סקרין ווייזן די באלאנסעס וואס זענען פאראן פאר פוד סטעמפס און/אדער קעש אקאונטס. די אקאונט קיצור סקרין איז די אויטאמאטישע סקרין נאכ'ן ארויף גיין. קארטל אייגענטימער קענען אויסקלויבן צו טוישן וואס עס זאל זיין אויטאמאטיש פון די “Self Service” (סעלף סערוויס) אפטיילונג אונטער “Account Preferences” (אקאונטס פארצוגן) דורכ'ן קליקן אויף די “<u>Manage Sign-on Destination</u>” (פארוואלטעט איינשרייבן ציל-פונקט) לינק. ווייטער'דיגע אנווייזונגען פאר די מעגליכקייט איז פאראן דורך דריקן אויף די “<u>Help with this page</u>” (הילף מיט דעם בלאט) לינק.

## <u>אקאונט קיצור סקרין</u>




פון די “Account Summary” (אקאונט קיצור) סקרין, קענען די קארטל אייגענטימער דריקן אויף די <u>אונטערגעצייכענטע</u> ווערטער “Food Stamp” (פוד סטעמפס), “Cash” (קעש), אדער “Account Activity” (אקאונט אקטיוויטעט) (אונטער“Related Tasks and Links” (פארבינדעטע אקטן און לינקס)), אדער קענען זיי דריקן אויף די “Account Activity” (אקאונט אקטיוויטעט) אפטיילונג צו זעהן אקאונט אקטיוויטעט (טראנזאקציעס).

די פאלגענדע בלעטער שטעלן פאר א ביישפיל פון אריינגיין אין "אקאונט אקטיוויטעט" דורכן דריקן “Account Activity” קנעפל פון די “Account Summary” סקרין.

## אקאונט אקטיוויטעט (טראנזאקציעס) סקרין




- לייגט אריין א “From Date” ("פון" דאטום) דורכ'ן קליקן אויף די קאלענדער סימבאל.
- לייגט אריין א “To Date” ("ביז" דאטום) דורכ'ן קליקן אויף די קאלענדער סימבאל.
- קליקט Get Transactions כדי צו זעהן די אקאונט אקטיוועטעטן (טראנזאקציעס).

אויף די “Account Activity” (אקאונט אקטיוועטעט) זייטל, קענען קארטל אייגענטימער זעהן טראנזאקציע אינפארמאציע פאר סיי וועלכע אנגעגעבענע דאטום גאטונג (אין פארלויף פון די לעצטע 6 חדשים). די אקטיוועטעטן זייטל אנטהאלט די פאלגענדע אינפארמאציע פאר יעדע טראנזאקציע:

- דער דאטום ווען די טראנזאקציע איז פארגעקומען.
- דער דאטום ווען די טראנזאקציע איז געווארן פארצייכענט אינעם אקאונט.
- א קורצע שילדערונג פון די טראנזאקציע.
- וויפיל די טראנזאקציע באטרעפט (דעביט אדער קרעדיט)

פאלגענד איז א ביישפיל פון אקאונט אקטיוועטעט (טראנזאקציע היסטאריע):



## <u>מעסעדזש סענטער סקרין</u>

צוטריט צו די Message Center (מעסעדזש סענטער) קען מען באקומען דורכ'ן קליקן אויף די “Messages” (מעסעדזשעס) אפטיילונג אויף די Home (היים) סקרין. פון די מעסעדזש סענטער קענען קארטל אייגענטימער:

- שיקן א מעסעדזש צו די Customer Service (קאסטומער סערוויס), ווי למשל צו באריכטן אז די קארטל איז פארלוירן/גע'גנב'ט/געשעדיגט געווארן.
- זעהן מעסעדזשעס פון קאסטומער סערוויס אין זייער "אין-באקס".
- זעהן מעסעדזשעס וואס מען האט געשיקט צו קאסטומער סערוויס פון פריער.
- NYC קארטל אייגענטימער קענען זעהן מעסעדזשעס **פון** זייערע לאקאלע ארבייטער.

**באמערקונג:** מעסעדזשעס צו אן ארבייטער קענען נישט ווערן געשיקט פון דעם וועבסייט.




NYC מעסעדזשעס זענען אנגעצייכנט דורך די “<u>You have a new message from the State</u>” (איר האט א נייע מעסעדזש פון די סטעיט) לינק. ווייטערדיגע אינסטרוקציעס פאר די מעסעדזש סענטער זענען פאראן דורכ'ן קליקן די “Help With This Page” (הילף מיט דעם זייטל) לינק.

**זעלבסט-סערוויס לינק**

די “Self Service” (זעלבסט סערוויס) סקרין שטעלט צו פאר קארטל אייגענטימער א ליסטע פון אקטיוועטעטן וואס זיי קענען אליין טון אן זיך דארפן פארבינדן מיט קאסטומער סערוויס. זעלבסט-סערוויס פונקציעס רעכענען אריין די פאלגענדע:

| |
|---|
| Transaction Inquiry (טראנזאקציע פראגעס) |
| Chase ATM Locator (טשעיס ATM לאקעיטאר) |
| Read Messages (לייענט מעסעדזשעס) |
| Send a Message (שיקט א מעסעדזש) |
| Account Terms and Conditions (אקאונט טערמינען און באדינגונגען) |
| Account Nickname (אקאונט צו-נאמען) |
| Customize Favorites (קאסטומייז באליבסטע) |
| Manage Sign-on Destination (פארוואלטעט איינשרייבן ציל-פונקט) |
| **Change PIN** (טוישט פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער) |
| Change User ID/Password (טוישט באנוצער ID/פעסס-ווארט) |
| Manage Reset Password Answers (פארוואלטעט אקטיוויזירט פעסס-ווארט ענטפערס) |

צו פילע פון די אויבן דערמאנטע פונקציעס קען מען צוקומען דורך אנדערע לינקס און אפטיילונגען. דער קארטל אייגענטימער קען אנקומען צו די פונקציעס “Change User ID/Password” (טוישט באנוצער ID/פעסס-ווארט) און “Manage Reset Password Answers” (פארוואלטעט אקטיוויזירט פעסס-ווארט ענטפערס) נאר אויב ער האט אויסגעקליבן דעם איינשרייב מעטאד פון א באזונדערע USER ID (באנוצער אינדענטיפיקאציע) און Password (פעסס-ווארט). קארטל אייגענטימער קענען קליקן אויף “Help” (הילף) סיי ווען פאר ווייטער'דיגע אנווייזונגען.

**באמערקונג:** די Chase ATM טרעפער וועט נאר ווייזן Chase באנק ATMס. פאר אינפארמאציע איבער **אלע** סורטשארד-פרייע EBT קעש צוטריט פלעצער, קענען קארטל אייגנטומער רופן די EBT קעש צוטריט טרעפער הילף-ליין, טאל-פריי אויף 1-800-289-6739.



## <u>טוישט פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער סקרין</u>

די <u>Change PIN</u> (טוישט פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער) לינק אויף די Self Service (זעלבסט סערוויס) סקרין ערלויבט די קארטל אייגענטימער צו טוישן זייערע איצטיגע פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומערן אויב זיי קענען אריין לייגן זייערע איצטיגע פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער און זיי האבן נישט קיין Automated Response Unit (ARU) PIN Restriction (אויטאמאטישע אנטווארט יוניט (ARU) פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער באגרעניצונג). די פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער קען געטוישט ווערן אזוי אפט ווי דער קארטל אייגענטימער וויל. **<u>א קארטל אייגענטימער מיט אן ARU PIN באגרעניצונג וועט נישט קענען טוישן זייערע פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומערן מיט די EBT קאסטומער סערוויס דורכ'ן טעלעפאן אדער דורכ'ן אינטערנעט. די קארטל אייגענטומער מוז ברענגען זיין קארטל צו א לאקאלן סענטער כדי צו טוישן זיין פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער.</u>**

צו באקומען צוטריט צו די "Change PIN" (טוישט פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער) סקרין, מוז דער קארטל אייגענטימער קליקן אויף די [Self Service] אפטיילונג אויף די היים זייטל און דערנאך קליקן אויף די "<u>Change PIN</u>" (טוישט פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער) לינק אונטער די "Manage Personal Information" (פארוואלטעט פערזענליכע אינפארמאציע).




די אלטע פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער מוז אריין געלייגט ווערן איין מאל און די נייע פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער מוז אריין געלייגט ווערן צוויי מאל. דערנאך קליקט אויף [Change PIN] צו פארענדיגן די פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער טויש. א באשטעטיגונג זייטל וועט זיך ארויס ווייזן אויב די פערזענליכע אידענטיפיקאציע נומער טויש איז געלונגען.

